# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ראש השנה
תשפ"א לפ"ק
גליון ק"ו



## פראגע

**יעדעס יאר בעפאר ראש השנה קומט, מאך איך קבלות טובות זיך צו פארבעסערן אין פארשידענע תחומים אין עבודת השם. אבער דא שטיי איך א וואך פאר ראש השנה, דער זעלבער שלעפער וואס כ'בין אייביג געווען.**

## ענטפער:

לאמיר אייך עפעס זאגן. איר זענט נישט דער זעלבער. מיינט נישט אז איר זענט דער זעלבער. איר ווערט ערגער...! ווי מער צייט עס גייט אריבער, "עבר אדם עבירה ושנה בה נעשית לו כהיתר" – איינער וואס טוט אן עבירה, און ער טוט עס איינמאל און נאכאמאל, ווערט עס מותר **אין זיינע אויגן** (יומא, פ"ז ע"א). דאס מיינט אז אויב מען ווערט נישט בעסער, ווערט מען ערגער.

ווען איר מאכט א קבלה בלי נדר, דארפט איר האבן עפעס ספעציפיש; כאטש איין **ספעציפישע זאך** וואס איר וועט ארבעטן צו טוישן. תפסת מרובה לא תפסת – אויב מען פרובירט צו כאפן צופיל אויפאמאל, וועט מען גארנישט קענען כאפן. אלעס וועט ארויספאלן פון די הענט. צו זאגן אין אלגעמיין "איך גיי זיין גוט דאס יאר" איז בעסער ווי גארנישט, אבער נישט צופיל בעסער.

איר דארפט ארויסזאגן עפעס א קלארע זאך. זאגט, "דעם יאר, נישט קיין חילוק ווי שלעכט מיין ווייב וועט זיין צו מיר, און וויפיל זי וועט מיר באדערן און קריטיקירן און מוטשען, וועל איך גארנישט זאגן אומהעפליך צו איר." דאס איז שוין עפעס ספעציפיש, עפעס וואס מען קען אנהאלטן. תפסת מועט תפסת! – עס איז עפעס באגרעניצט, עפעס וואס מען קען זיך האלטן דערצו.

און אייגנטליך, טראצדעם וואס ס'איז בלויז איין ספעציפישע זאך, איז עס נישט קליין אין די אויגן פון השי"ת. דער פסוק זאגט **"תולה ארץ על בלימה"** (איוב, כד, ז) – די וועלט הענגט אויף גארנישט. און חז"ל זאגן אונז אז עס מיינט ווי פאלגענד: "אין העולם מתקיים אלא בשביל מי שבולם פיו בשעת מריבה" – די וועלט שטייט נאר אין זכות פון דעם מענטש וואס האלט זיין מויל פארמאכט בשעת א קריגעריי (חולין פ"ט, ע"א). דער זכות פון האלטן די מויל פארמאכט ווען מענטשן באליידיגן דיך איז גאר א גרויסער זכות.

במילא, הייב אן מיט דיין ווייב. דו קענסט אנהייבן מיט א צווייטן אויך. לאמיר זאגן דו האסט אן ארבעסטגעבער וואס באליידיגט דיר, האלט דיך שטיל. דו ווילסט דאך בלייבן מיט דיין זשאב, נישט אזוי? איז האלט דיין מויל פארמאכט. מאך א קבלה, "איך גיי מיך האלטן שטיל. איך גיי נישט צוריקענטפערן." ס'איז אן אויסטערלישע זאך צו טון.

מען דארף זיך קאנצענטרירן אויף עפעס א קלארע זאך. און דאן וועט מען עס קענען אויספירן. רעד נישט קיין כלליות'דיגע זאך. כלליות'דיג מיינט גארנישט מיט גארנישט.

לאמיר זאגן דו ווילסט דאווענען מיט כונה. מען קען סתם זאגן, "היי-יאר וועל איך דאווענען מיט כונה." אבער עס איז צו אסאך אנצוכאפן אויפאמאל. ענדערש מאך אפ אז דו גייסט זיך שלאגן אויף **די ערשטע ברכה**. יעדער ווארט אין מגן אברהם וועסטו ארויסזאגן קלאר מיט כונה. און לאז עס נישט אפ. האלט דיך דערצו. תפסת מועט תפסת – נעם א קליין ביסל אויפאמאל, און האלט עס אן. **"תפסת"** מיינט אז מען דארף עס פעסט אנהאלטן. דאס ביסל וואס דו נעמסט האלט אן שטארק.

לאמיר זאגן דו מאכסט א קבלה צו לערנען תורה. זאג נישט "איך גיי אנהייבן צו לערנען מער ערנסט." עס איז צו גרויס, צו פארנעפלט. ענדערש זאג אזוי: "בלי נדר גיי איך לערנען פופצן מינוט יעדן טאג, נישט קיין חילוק וואס!" און דאן טו עס! לערן יעדע נאכט פופצן מינוט; ס'איז בעסער ווי גארנישט. אינדערהיים, פופצן מינוט. נישט קיין חילוק וואס! נעם ארויס א ספר און לערן פופצן מינוט. איר ווילט לערנען א שעה? זייער גוט! איך שטעל אייך נישט אפ. אבער יעדע נאכט, כאטש פופצן מינוט. אדער גיי צו א שיעור יעדע נאכט. דאס איז נאך בעסער. יעדער נאכט אן קיין מעשיות. דאס איז א קבלה וואס איז א דבר שיש בו ממש, ס'איז עפעס קריסטאל-קלאר.

יעצט, טראצדעם וואס אסאך מאל זענען דא מער זאכן וואס איר דארפט ווען טון און איר טוט נישט, אבער כאטש וועט

זיין איין זאך וואס איר וועט יא טון. און דער אויבערשטער זעט אז איר זענט געריכטעט אין די ריכטיגע דירעקציע. און אויב איז מען געוואנדן צו די ריכטיגע דירעקציע דאן "הבא ליטהר מסייעין אותו" – אויב מען פרובירט צו ווערן בעסער, העלפט דער אויבערשטער צו גיין ווייטער און ווייטער. אבער איר מוזט נעמען כאטש איין זאך! און דאן וועט איר האבן סייעתא דשמיא צו טון מער און מער. (E-157#)

## פראגע

## וואס איז די גאנצע זאך מיט סליחות?

## ענטפער:

סליחות מיינט אז א מענטש מוז מאכן צייט פאר **מחשבה**, פאר **התבוננות**. "שימו לבבכם על דרכיכם" – לייגט צו אייער מחשבה צו אייער וועג אין לעבן. זענט איר אויף'ן ריכטיגן וועג?

ווען מיר זאגן סליחות חודש אלול, זאגן מיר יעדן טאג "נחפשה דרכינו ונחקורה" – לאמיר נאכזוכן אונזערע וועגן, לאמיר מיר אויספארשן. אלע פרומע אידן **זאגן עס**. אבער צי **טוט איר עס**? וויפיל פרומע אידן האבן זיך אפגעשטעלט און געגעבן פינף מינוט איבערצוטראכטן זייער פריערדיגע יאר? גלייבט מיר, זייער ווייניג. פינף מינוט חשבונות, פינף מינוט בוקקיפינג איז זייער ווייניג פאר א גאנצע יאר פון ביזנעס.

עס וואלט געווען א געוואלדיגע זאך אויב איינער קען זיך בארימען, "איך בין א מענטש! איך האב מקיים געווען נחפשה דרכינו ונחקורה – איך האב אוועקגעגעבן פינף מינוט צו טראכטן וועגן דעם פארגאנגענעם יאר." ס'איז זייער אן ארימע קליינע אויפטוה, אבער הלואי. כאטש צוויי מינוט זאלט איר געבן דערפאר! האט איר געשפענדט צוויי מינוט? אפילו אום יום כיפור, טראכט איר צוויי מינוט וועגן דעם פארלאפענעם יאר? מענטשן רעדן אבער ווייסן נישט וואס זיי זאגן. זיי זאגן "נחפשה דרכינו" – לאמיר נאכזוכן אונזערע וועגן און מאכן א חשבון, אבער דאן פארגעסן זיי עס אייגנטליך צו טון. עס וואלט געווען היפש וואס צו זען ווען מען זאל אויסגעבן צוויי מינוט אויף א ביזנעס. אבער אפילו צוויי מינוט לייגט מען אויך נישט אריין.

עס איז זייער וויכטיג. ס'איז קריטיש. מען דארף מאכן צייט צו טראכטן. חוץ אויב מען וויל ממשיך זיין צו גיין בלינדערהייט ביז מען פאלט אריין אין תהום ווען ס'איז שוין אלעס דערנאך, און ס'איז שוין צו שפעט. צום סוף וועט מען אויסגעפונען אז דאס לעבן איז געווארן פארפאטשקעט צוליב א חסרון אין נוצן די מחשבה. דער גאלדענער געלעגנהייט קומט בלויז איין מאל אין היסטאריע – מען קומט נישט צוריק דא נאכאמאל. און דאס איז וואס סליחות איז – עס דארף אונז אויפוועקן. (#155)

## פראגע

## ביים דאווענען בעטן מיר השי"ת "תקע בשופר גדול". ווען גייט דאס זיין? און וואס איז די ציל פון דעם שופר בלאזן, און וויאזוי וועט עס געבלאזן ווערן?

## ענטפער:

דער שופר וועט געבלאזן ווערן ווען די צייט וועט קומען עס צו בלאזן. מיר פארשטייען אז די צייט איז ווען דער אויבערשטער וועט זען אז די וועלט דארף איינגעמאלדן ווערן אז עס גייט זיין גרויסע טוישונגען. ביז יעצט איז די וועלט געשלאפן און דער ציל פונעם שופר איז זיי אויפצווועקן.

ס'איז אזוי ווי דער שופר פון ראש השנה; עס איז אונז אויפצואוועקן. דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט: עורו יְשֵׁנִים מִשְּׁנַתְכֶם וְנִרְדָּמִין הָקִיצוּ מִתַּרְדֵּמַתְכֶם – וועקט אייך אויף אויף מענטשן פון אייער טיפן שלאף! דאס איז וואס דער שופר פון ראש השנה זאגט.

איז ווען מען איז פארשלאפן ראש השנה, וואס מיר אלע זענען – איר דארפט עס וויסן; מיר שלאפן אונזער גאנצע לעבן – און מען הערט דעם קול השופר, "וועקט אייך אויף!" דארפן מיר זיך בעסער אויפוועקן. יעצט, אודאי ווען איר וועקט זיך אויף, ווייסט איר נישט וואו צו גיין, וואס צו טון, דאס איז א גרויסע רחמנות. מען וועקט זיך אויף, "וואס?! וואו?!" ס'איז א שאד. אבער עכ"פ מען וועקט זיך אויף, און יעצט דארפט איר ווערן פארנומען אויסצוגעפינען וואו צו גיין.

די זעלבע איז מיט'ן שופר אין די ימות המשיח. די צייט וועט קומען ווען דער אויבערשטער וועט מודיע זיין פאר די וועלט אז זיי זענען טיף געשלאפן ביז יעצט. זיי האבן נישט פארשטאנען, זיי האבן נישט געזען און נישט געהערט. און זיי ווילן זיך אויפוועקן און זיך דארפן גרייטן צו זייער גרויסע טוישונגען וואס וועט פאסירן.

און הקב"ה וועט בלאזן מיט א שופר. פונקטליך וואסערע סארט שופר ער וועט נעמען; צי ער וועט בלאזן אויף אן אינטערנאציאנאלע נעטווארק אדער אן אנדערע קול וואס וועט קומען משמי מרום – דאס קען איך אייך נישט זאגן. אבער דער אויבערשטער האט וועגן צו לאזן די וועלט וויסן דעם אמת; סיי-וויאזוי עס איז, קענט איר זיין זיכער אז עס וועט זיין אויף די בעסטע וועג וואס ס'איז מעגליך. (#84)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures

SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com



באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נֹעַם שַׁבָּת
פרשת שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
קראון פלאזא האטעל
קאנעקטיקוט נ.
שב"ק פ' שמיני תשע"ה לפ"ק
בעזהשי"ת
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
שבת שבע ברכות
של
עקיבא ורחל ברכה
שלעזינגער
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ׳ כי תצא
שמחת העליי לתורה
של החתן
שלמה פריעד
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב